# באקומען העלט קעיר סערוויסעס אין ניו יארק סיטי, אפגעזעהן פון אימיגראציע סטאטוס



## אפט-געפרעגטע פראגן פאר ניו יארקע אימיגראנטן

יעדער ניו יארקער האט די רעכט צו העלט קעיר פון א הויכע קוואליטעט, אפגעזעהן פון זייער אימיגראציע סטאטוס אדער פון אויב זיי קענען באצאלן. נעמט קעיר פון זיך אליין און פון אייער פאמיליע און באקומט די העלט קעיר סערוויסעס וואס איר דארפט. אסאך פון די סיטי'ס סערוויסעס, אריינרעכענענדיג העלט קעיר און סאָושעל סערוויסעס, זענען דא צו באקומען פאר אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון זייער אימיגראציע סטאטוס.

## העלט קעיר סערוויסעס

**וואו קען איך טרעפן ביליגע העלט קעיר סערוויסעס אין ניו יארק סיטי (NYC)?**
איר קענט טרעפן ביליגע העלט קעיר סערוויסעס ביי אן NYC Health + Hospitals (H+H) לאקאציע נעבן אייך דורכן באזוכן **nychealthandhospitals.org** אדער אנרופן 844-692-4692 אדער **311**, אדער קענט איר טרעפן אייער לאקאלע קאמיוניטי העלט צענטער דורכן באזוכן **findahealthcenter.hrsa.gov**.

## העלט אינשורענס

**פאר וועלכע העלט אינשורענס פלענער קען איך זיך איינשרייבן?**
ניו יארקע אימיגראנטן האבן אסאך העלט אינשורענס אפציעס. קינדער פון 18 יאר און יונגער און טראגעדיגע מענטשן וועלכע וואוינען אין ניו יארק סטעיט קענען באקומען העלט אינשורענס אפגעזעהן פון זייער אימיגראציע סטאטוס. די NYC דעפארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC Department of Health and Mental Hygiene) האט סערטיפייד אפליקאציע קאונסעלארס וועלכע קענען אייך העלפן אויסגעפונען אויב איר זענט בארעכטיגט און וויאזוי זיך צו איינשרייבן פאר העלט אינשורענס. פאר מער אינפארמאציע, רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/health/healthcoverage**.

אויב איר באזוכט אן NYC H+H לאקאציע, בעהט צו רעדן מיט א פינאנציעלע קאונסעלאר אייך צו העלפן באקומען העלט אינשורענס. איר האט די רעכט צו באקומען סערוויסעס אין די שפראך וואס איז די באקוועמסטע פאר אייך, אריינרעכענענדיג געשריבענע איבערזעצונגען און א דאלמעטשער, פערזענליך אדער דורך די טעלעפאן.

איר האט אויך די רעכט צו נוצן פובליק בענעפיטן, ווי צום ביישפיל רעגירונג-באצאלטע העלט קעיר אינדרויסן פון א לאנג-טערמיניגע קעיר אנשטאלט, אן דעם וואס דאס זאל אפעקטירן אייער אימיגראציע סטאטוס אדער אפליקאציע. אויב איר האט פראגן איבער לעגאלע געביטן פון אימיגראציע, רופט די NYC'ס אימיגראציע לעגאלע סערוויסעס האטליין אויף 800-354-0365, פון מאנטאג ביז פרייטאג, פון 9:00 אינדערפרי ביז 6:00 אוונט, צו באקומען צייטליכע און פארלעסליכע אינפארמאציע און צו פארבינדן ווערן מיט סיטי-אויסגעצאלטע, אומזיסטע און זיכערע לעגאלע הילף מיט אימיגראציע. די האטליין איז אומזיסט און אנאנים, און הילף איז דא צו באקומען אין איבער 200 שפראכן.

NYC Mayor's Office of Immigrant Affairs
NYC Health
NYC HEALTH + HOSPITALS

## NYC Care

**איך בין נישט בארעכטיגט פאר העלט אינשורענס. וויאזוי קען איך באקומען העלט קעיר סערוויסעס?**
NYC Care איז א פראגראם וואס שטעלט צו ביליגע און אומזיסטע סערוויסעס פאר ניו יארקער וועלכע קענען נישט באקומען העלט אינשורענס צוליב זייער אימיגראציע סטאטוס אדער צוליב דעם וואס זיי קענען נישט באצאלן. NYC Care איז נישט א העלט אינשורענס פלאן. אבער אויב איר האט NYC Care, קענט איר באקומען א מעמבערשיפ קארטל צו באקומען פולקאמע העלט קעיר סערוויסעס, איסוועהלן אייער פאמיליע דאקטאר און באקומען מעדיצין פאר ביליג. אלע NYC Care סערוויסעס זענען דא צו באקומען ביי יעדע NYC H+H פאציענטן קעיר לאקאציע אין די פינף בעראוס, אריינרעכענענדיג 11 שפיטעלער און צענדליגע קאמיוניטי-באזירטע העלט צענטערן.

**וויפיל קאסט NYC Care און וויאזוי שרייב איך זיך איין?**
NYC Care געזונטהייט סערוויסעס זענען אדער ביליג אדער אינגאנצן אומזיסט, געוואנדן אויף ווי גרויס אייער הויזגעזונד איז און אויף אייער איינקונפט. זיך צו איינשרייבן פאר NYC Care, רופט 646-692-2273 אדער בעהט זיך צו טרעפן מיט א פינאנציעלע קאונסעלאר ביי סיי וועלכע NYC H+H לאקאציע. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **www.nyccare.nyc**.

## עמערדזשענסי קעיר פאר ניו יארקער וועלכע האבן נישט קיין העלט אינשורענס

**איך האב נישט קיין העלט אינשורענס אבער איך דארף צוקומען צו עמערדזשענסי קעיר. וויאזוי באצאל איך דערפאר?**
עמערדזשענסי מעדיקעיד (Emergency Medicaid) העלפט ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט וועלכע האבן נישט קיינע דאקומענטן אדער צייטווייליגע אימיגראנטן צו באצאלן פאר העלט קעיר סערוויסעס דורכאויס אן עמערדזשענסי. ניו יארקע אימיגראנטן וועלכע זענען בארעכטיגט פאר עמערדזשענסי מעדיקעיד קענען אויך זיין בארעכטיגט פאר NYC Care צו דעקן די קאסטן פון נישט-עמערדזשענסי סערוויסעס, ווי צום ביישפיל פאר מעדיצינען און באזוכן צו זייער פאמיליע דאקטאר.

איר קענט זיך איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי מעדיקעיד אין יעדע צייט אין פאל פון א צוקונפטיגע עמערדזשענסי. אויב איר באזוכט אן NYC H+H לאקאציע, בעהט פאר א פינאנציעלע קאונסעלאר אייך צו העלפן זיך איינשרייבן. איר קענט באקומען עמערדזשענסי קעיר ביי סיי וועלכע שפיטאל אין NYC, אפגעזעהן פון אייער אימיגראציע סטאטוס אדער פון אויב איר קענט באצאלן. פאר מער אינפארמאציע, רופט 844-692-4692 אדער **311**.

## אימיגראציע אינפארסירונג און צוטריט צו העלט קעיר

**איך בין אן אימיגראנט וואס האט נישט קיינע דאקומענטן. צו קען מיין דאקטאר מיך באריכטן צו די פעדעראלע אימיגראציע אויטאריטעטן, ווי צום ביישפיל צו די אימיגראציע און גרעניץ שטייערן אינפארסירונג (Immigration and Customs Enforcement, ICE)?**
העלט קעיר פראפעסיאנאלן מוזן באשיצן די פריוואטקייט פון זייערע פאציענטן, אפגעזעהן פון זייער אימיגראציע סטאטוס. שפיטעלער און קליניקס טיילן נישט מיט אינפארמאציע פון פאציענטן אן די צושטימונג פון די פאציענט, חוץ אויב זיי ווערן פארלאנגט אזוי צו טוהן דורך די געזעץ (וואס איז א זעלטענע זאך). פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי NYC H+H העלט קעיר פראפעסיאנאלן באשיצן די פריוואטקייט פון אימיגראנטן, באזוכט **bit.ly/letter-immigrant-new-yorkers**.

**וואס זאל איך טוהן אויב ICE אפיצירן קומען צו די שפיטאל וואו איך באקום העלט קעיר סערוויסעס?**
אימיגראציע אויטאריטעטן טארן נישט דורכפירן קיינע אינפארסירונג אקטיוויטעטן אין שפיטעלער און אין סיי וועלכע מעדיצינישע אנשטאלט, חוץ אין גאר זעלטענע פעלער. אויב זעהט איר ICE אפיצירן אין די שפיטאל, מוזט איר נישט רעדן מיט זיי. אויב אן ICE אפיציר פרובירט צו אריינגיין אין א פריוואטע פלאץ, ווי צום ביישפיל אייער שפיטאל צימער, האט איר די רעכט צו האלטן די טיר פארשפארט און פרעגן אויב זיי האבן א גערישטליכע 'וואָרענט' (א לעגאלע דאקומענט פון די געריכט מיט די אונטערשריפט פון א ריכטער). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט **nyc.gov/immigrants** און זוכט פאר **"know your rights"** (וויסט אייערע רעכטן). אויב אן ICE אפיציר שטעלט אייך אפ אדער א באליבטע אייערס, קענט איר אנרופן די NYC'ס אימיגראציע לעגאלע סערוויסעס האטליין אויף 800-354-0365 צו באקומען אומזיסטע און זיכערע לעגאלע הילף.